STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03882

VEGN DER YIDISHER YUGNT IN AMERIKE

Ezriel Naks

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד״ר עזריאל נאַקס

וועגן דער ייִדישער יוגנט אין אַמעריקע

אונדזער יוגנט אין ראַם פון אַמעריקאַנער לעבן
און פון דעם יידישן לעבן אין אַמעריקע

אַרויסגעגעבן פון דער
נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטע, ארבעטער־רינג.

אָפדרוק פון „קולטור און דערציאונג"
אָקטאָבער און נאָוועמבער 1942.

1

עס קומען ביי אונדז לעצטנס פאָר אַ סך דיסקוסיעס וועגן דער יידישער יוגנט אין אַמעריקע. ס'איז ניט שווער צו פאַרשטיין פאַר וואָס דאָס איז אַזוי. ווי באַנאַל עס זאָל ניט קלינגען, איז עס פאָרט אַן אַלט־נייער אמת אַז די צוקונפט פון אַ פאָלק איז פאַרבונדן מיט זיין יוגנט. איבערהויפט איז דער אמת גילטיק פאַר אונדז — אַ פאָלק וואָס מוז תמיד קעמפן פאַר זיין נאַציאָנאַל־קולטורעלן קיום.

דער אַלגעמיינער אויספיר פון די דיסקוסיעס איז ניט קיין פריילעכער. די אידעאַלן פון דעם עלטערן דור קלעפן זיך עפּעס ניט צו אונדזער יוגנט; דער לעבנסוועג פון דעם עלטערן דור איז איר פרעמד און אומבאַקאַנט. די צוויי דורות ריידן ניט נאָר באַזונדערע שפּראַכן אין דעם לינגוויסטישן זין פונעם וואָרט, נאָר אויך אין דעם גייסטיקן. זייער קוק אויף זאַכן שיינט ניט צו זיין דער זעלביקער. די קוואַלן פון זייער צער און פרייד זיינען אַפּנים אַנדערע. אונדזער יום־טוב איז זייער וואָך, אונדזער הימל הענגט ניט איבער זייער ערד.

פאַראַן אַן אַ צאָל יידישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע. צענדליגער טויזנטער מיידלעך און בחורים געהערן צו זיי. וויל מען, קאָן מען זיך פרייען מיט דעם פאַקט, קאָן מען אים אָננעמען ווי אַ גוטן סימן, ווי אַ באַווייז, אַז די יוגנט שאַפט פאַר זיך אַ געזעלשאַפטלעכע יידישע היים. פון דער צווייטער זייט דאַרף מען, אויב מען וויל זיין ערלעך מיט זיך, באַטראַכטן דעם פאַקט סקעפּטיש. געהערן צו אַן אָר־

גאַניזאַציע איז ווייט ניט גענוג. אויסקלייבן אַ שיינעם נאָמען
פאַר דער אָרגאַניזאַציע און נאָך אַ שענערע פּרינציפּן־דער־
קלערונג, איז אויך ניט גענוג. וויכטיקער, אָן אַ שיעור וויכ־
טיקער, איז צו באַטראַכטן די יידישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס
אין גאַנג פון זייערע טעטיקייטן, זען זיי קאָנקרעט, דורכקוקן
זייערע טאָגטעגלעכע פּראָגראַמען, און איבערהויפּט דורכריידן
זיך מיט זייערע מיטגלידער און באַאַמטע און אַרויסבאַקומען
פון זיי זייער אויפפאַסונג פון דער געזעלשאַפטלעכער ראָלע
פון זייער אָרגאַניזאַציע, פון איר שייכות מיט דער מוטער־
אָרגאַניזאַציע (וואו אַזאַ איז פאַראַן), און מיט דער יידישער
שטאָט־געמיינדע.

דאָס וואָרט אידעאַליזם איז ביי אונדז אַ היפּש ביסל פאַר־
ביליקט געוואָרן. ריידן מיר אָבער וועגן אַן אידעאַליסטישער
אָרגאַניזאַציע, מיינען מיר גאַנץ פּשוט, אַז זי באַשטייט פון
מענטשן, וואָס זיינען גרייט, דורך זייער אָרגאַניזאַציע, צו טאָן
עפּעס פאַר אַנדערע, דינען אַ געוויסער אידיי און דערגרייכן אַ
געוויסן ציל. די מיטגלידער פון אַן אידעאַליסטישער אָר־
גאַניזאַציע זיינען גרייט צו געבן, צו ברענגען קרבנות, מקריב
זיין אַ ביסעלע דעם אייגענעם איך. אויב דאָס איז דער ריכ־
טיקער באַגריף פון אַן אידעאַליסטישער אָרגאַניזאַציע (און
קיין אַנדערער איז דאָך ניט מעגלעך), איז דעמאָלט שווער
צו זאָגן, צי עס זיינען טאַקע פאַראַן יידישע יוגנט־אָרגאַני־
זאַציעס אין אַמעריקע, וואָס מיט זיי קאָן באַהעפט ווערן די
צוקונפט פון אונדזער פאָלקסלעבן, פון אונדזער פאָלקסקול־
טור. אַמעריקאַנער יידישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס זיינען גע־
בויט גאָר אויף אַנדערע יסודות. זיי האַלטן ניט פון געבן,
פון מקריב זיין אַ ביסל דעם אייגענעם איך. זייער קאָרדי־
נאַלע אָרגאַניזאַציאָנעלע קרעדאָ איז פונקט פאַרקערט: זיי
האַלטן אַז מע דאַרף זיי געבן, אַז מע דאַרף זיי פאַרשאַפן פאַר־

געניגן. "What will I get out of it?" — וואָס וועל איך דער־
פון אַרויסבאַקומען? "What fun will I have there?" — וואָס
פאַר אַ פאַרגעניגן וועל איך דאָרטן האָבן? אָט דאָס זיינען
די ערשטע פראַגעס, וואָס די יוגנט שטעלט, בשעת מע באַט
איר אָן מיטגלידערשאַפט אין אַ וויכטיקער יידישער אָרגאַ־
ניזאַציע.

דאָס, דוכט מיר, זיינען די פאַקטן. און די פאַקטן זיינען
טרויעריקע. אָבער ס'איז נייטיק אַריינצוטראַכטן זיך אין די
סיבות, וואָס ליגן הינטער די פאַקטן.

די געוויינלעכע טענה פון יידישע עלטערן איז אָן ערך
אַזאַ: „מיר זיינען געווען אַנדערש. מיר האָבן אין אונדזערע
יונגע יאָרן געגלייבט אין אידעאַלן. מיר זיינען געווען ערנסט און
אויפריכטיק. אָבער זיי, אונדזערע קינדער, ווילן דערפון ניט
וויסן. די וועלט פון אידעאַלן איז פאַר זיי אַ פרעמדע וועלט.
זיי זיינען אַ דור, וואָס מיר קענען ניט פאַרשטיין".

אָבער מיר מוזן דעם ייִנגערן דור פאַרשטיין. אָן אים
זיינען מיר אַ פאַרלאָרענער דור, אַ מדבר־דור. אָן אונדז וועט
ער אויך סוף־כל־סוף זיין אַ פאַרלאָרענער דור, אַ יתום־דור.
און מיר טאָרן ניט צולאָזן דעם געדאַנק, אַז דער דור איז אין
תוך אַנדערש פון אונדז, אַז ער איז ניט ביין פון אונדזער ביין,
פלייש פון אונדזער פלייש. דער ייִנגערער דור — ער באַ־
שטייט דאָך פון אונדזערע קינדער, דערצויגענע אין אונדזערע
היימען. דער אונטערשייד צווישן זיי און אונדז איז —
אַמעריקע. זיי באַוועגן זיך אין אַן אַנדער סביבה. איז כדי
צו פאַרשטיין אונדזער יוגנט, דאַרפן מיר, ערשטנס, אַריינ־
קוקן אין דער יידישער היים פון אַמעריקע; און, צווייטנס, אַ
קוק טאָן אויף דער אַמעריקע וואו אונדזער יוגנט איז געוואַקסן.
לאָמיר אָנהייבן מיט אַמעריקע.

2

ריידן מיר וועגן דעם ייגגערן דור אין אמעריקע, האבן מיר אין זינען מענטשן אין עלטער פון 18 ביז 35 יאר. דאס איז א דור, וואס איז אויפגעקומען נאך דער לעצטער וועלט־מלחמה און וואס זיין קאלעקטיווע פסיכיק קאן געשילדערט און פארשטאנען ווערן נאר דעמאלט, ווען מע טראכט זיך אריין אין דעם כאראקטער פון דעם פערטל יארהונדערט זינט דעם סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. דער נאך־מלחמהדיקער דור, — וויפל טראגיק עס ליגט אין דער פראזע. עס איז ממש א לאמטערנע וואס באלייכט דעם דערנערוועג פון א דור. א בחור וואס איז איצט 18 יאר, איז אלט געווען פינף יאר, ווען דער גרויסער עקאנאמישער קראך איז פארגעקומען אין אקטאבער 1929. א מאן אדער א פרוי, וואס איז איצט 35 יאר, איז דעמאלט אלט געווען 22, דאס הייסט, האט זיך דעמאלט געפונען אין דעם עלטער, ווען יונגע מענטשן האבן חתונה, גייען אריין אין געשעפט אדער פארנעמען זיך מיט א פראפעסיע אדער א פאך. דער זעלביקער מענטש איז אבער אלט געווען עלף יאר, ווען דער קריג האט זיך פארענדיקט, און זיבן, ווען ער האט זיך אנגעהויבן.

עס איז ניטא קיין ספק, אז דער דור אין גאנצן גענומען איז באווירקט געווארן פון דעם אויסגאנג פון דער מלחמה, פון די נאך־מלחמהדיקע געשעעניש. אונטער די שטארקע קלעפ פון אט דעם האמער איז זיין קאלעקטיווע פסיכיק אויסגע־

שמידט געוואָרן. די היסטאָרישע טראַגעדיע פון דער ערשטער וועלט־מלחמה באַשטייט ניט דווקא אין דעם, וואָס מיליאָנען מענטשן זיינען אויסגעהרגעט געוואָרן, וואָס אייראָפּע האָט זיך געטרונקען אין בלוט, וואָס לענדער זיינען חרוב געוואָרן. זי באַשטייט אויך אין דעם וואָס די אַליאירטע — די דעמאָקראַ־טישע לענדער — האָבן געוואונען דעם קריג און פאַרלאָרן דעם שלום. עס איז דאָ ניט דער אָרט אַרומצורעדן דעם ענין געגויער און געבן דעם ענטפער אויף דעם פייגפולן פאַרוואָס. וואָס די אויסטייטשונג אָדער דער ענטפער זאָל ניט זיין, דער פאַקט בלייבט פאַקט: אַניט וואָלט איצט ניט נייטיק געווען אויף דאָס ניי בלוטיקער קאַמף קעגן רשעות און פינצטערניש. וואָס פאַר אַ זיסע האָפענונגען דער זיגרייכער סוף פון דעם קריג האָט אויפגעוועקט! עס האָט זיך געדוכט, אַז נייע האָריזאָנטן האָבן זיך באַוויזן. צי דאָס איז געווען די פעלקער־ליגע, צי די רעוואָלוציע אין צאַרן־לאַנד, צי די דעמאָקראַטי־זירונג פון מיטל־אייראָפּע, צי (ביי יידן) די באַלפור־דעקלאַראַציע און דאָס רעכט אויף נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע — עס איז געווען האָפענונג, גלויבן און משיח־דערוואַרטונג.

איז דען נייטיק צו דערמאָנען, וואָס פון די חלומות איז געוואָרן? צו שילדערן דעם אידעאָלאָגישן קלימאַט וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די וועלט אין די צוואַנציקער יאָרן? עס איז געווען אַ צייט פון אידייאישן קאָמפּראָמיס, פון עקסטרעמען מאַטעריאַליזם, פון ציניזם. עס איז געווען די בלי־עפּאָכע פון דעם „רעקעטיר״, דעם „גענגסטער״, דעם ביליקן פּאָליטישן. דער לייט־מאָטיוו פון דער קונסט — איבערהויפּט פון דער ליטעראַטור — וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין די יאָרן, איז געווען פּעסימיזם, די נעגאַציע פון ווערטן. אין די אינטימע באַציאונגען צווישן מענטש און מענטש, איז דער מאָראַלישער ניוואָ געווען אַ נידעריקער. נאַכט־קלוב, דזשעז, געמבלעריי,

— דאָס זיינען געווען די פאַרשפרייטסטע פאָרמען פון פאַרוויי־לונג. אָסקאַר ווײַלד זאָגט אין איינער פון זיינע פּיעסן: „אַ ציניקער איז דער, וואָס ווייס דעם מקח פון אַלצדינג און דעם ווערט פון גאָרנישט ניט”. ווי אָנגעמאָסטן דאָס איז געווען אויף אונדזער לעבן אין די צוואַנציקער יאָרן, און ניט נאָר אין אַמעריקע — אויך אין איראָפּע. דער עקאָנאָמישער קריזיס האָט זיך אָנגעהויבן אין אָקטאָבער 1929. דער גייסטיקער קריזיס האָט זיך אָנגעהויבן אַ היפּשע צייט פריער. ער איז געווען דער פּראָדוקט פון די נאָך־מלחמהדיקע אַנטוישונגען. ביידע קריזיסן — דער גייסטיקער און דער עקאָנאָמישער — האָבן געפירט צום מאַטעריאַליזם אין לעבן, צום ציניזם אין לעבנס־פילאָזאָפיע.

עס פאַרשטייט זיך, אַז דאָס מיינט ניט, אַז די גאַנצע יוגנט האָט מיט דעם אייגענעם ווילן באַשלאָסן צו ווערן אַמאָראַליש, פּראַקטיש און ציניש. עס מיינט אויך ניט, אַז די פּראַקטיש־קייט און צינישקייט האָבן אָנגעפילט דעם גאַנצן שטח פון דעם לעבן פון דער יוגנט. אין געוויסע פאַזן פון זייער פּערזענלעכן אָדער געזעלשאַפטלעכן לעבן האָבן זיי אַרויסגעוויזן סימנים פון עכטן אידעאַליזם און פיינער עטישקייט. נאָך אַלעמען האָבן דאָך מענטשן געלעבט פאַר 1918 אויך. נאָך אַלעמען זיינען מיר דאָך די יורשים פון אַן אָנגעזאַמלטער מענטשלעכער קולטור. ווי שטאַרק דער איינפלוס פון אַ סביבה זאָל ניט זיין, קאָן זי דאָך ניט אויסמעקן פון זכרון און נשמה קולטור־איידלקייט און יושר־געפיל. אָבער בדרך כלל איז די סביבה, דער גייסטיקער קלימאַט, געווען אַ סביבה און אַ קלימאַט פון אַנטוישונג, אידייאישער אומקלאָרקייט און סקעפּטיציזם. דער דורכשניטלעכער יונגער מענטש האָט זיין לעבן ניט געפירט באַוואוסטזיניק אויף די רעלסן פון פּראַק־טישקייט און ציניזם; ער האָט דעם ענין ניט דורכגעטראַכט.

ער אַליין האָט אפשר קיין נאָכטקלוב ניט באַזוכט און מיט געמבלעריי און רעקעטירינג האָט ער זיך באַקאַנט אומדירעקט דורך די מואוויס און די טאַבלאָיד־צייטונגען. עס איז אָבער געווען אין דער לופט. עס איז געווען דער גרונטטאָן פון דער צייט.

אין גאַנצן גענומען האָט דער ייִנגערער דור אין אַמעריקע דורכגעמאַכט דריי סטאַדיעס:

א. קודם־כל איז געקומען די סטאַדיע פון טיפן גלויבן, פון גרויסן בטחון. ס'איז געווען די סטאַדיע פון אַפירמאַציע, פון יע זאָגן.

וואָס איז אייגענטלעך די פּסיכאָלאָגיע פון גלויבן? ס'איז ניט נאָר גלייבן אין גלויבן, נאָר אויך אין דער פאַרווירקלעכונג פון גלויבן, פון דעם אידעאַל, אין וועלכן מע גלייבט.

דער אמת איז, אַז, דער מענטש איז בטבע אַ יע־זאָגער, אַ גלייביקער; ער בענקט נאָך אידעאַלן. דער מענטש וויל ניט זיין קיין יתום, קיין בלעטל אָפּגעריסן פון צוויג און בוים. דער מענטש האָט מורא פאַר איינזאַמקייט, פאַר זיין אומפאַר־מיידלעכן גורל — טויט. ער קען דעם טויט ניט בייקומען. ער קען אָבער בייקומען די מורא פאַרן טויט. אין דעם ליגט אייגנטלעך דער גרויסער כוח פון רעליגיע. זי פאַרבינדט דעם מענטשן ניט נאָר מיט פאַמיליע, פאָלק, געזעלשאַפט; נאָר מיט דער וועלט, מיט דער פאַרגאַנגענהייט, און מיט דער צוקונפט, אַזוי, אַז דער מענטש לעבט אין דריי דימענסיעס: אין דעם נעכטן, אין דעם היינט און אין דעם מאָרגן. אין אַט דער פאַרבינדונג און באַהעפטונג געפינט דער מענטש זיכערקייט, שלימות, גאַנצ־קייט און פרייד. „רעליגיע”, זאָגט דער פילאָזאָף ווייטהעד, „איז די אויסלייזונג פון דעם מענטשנס איינזאַמקייט”. יעדער אידעאַל, לויט אַט דער דעפיניציע, וואָס דערהויבט דעם מענטשן,

וואָס פאַרבינדט אים אין חברשאַפט מיט אַנדערע מענטשן, וואָס פילט אַן זיין לעבן מיט הייליקייט, וואָס גיט זיין נשמה אַ תיקון און פאַרטיפט זי מיט איידעלן און טייערן אינהאַלט, — איז אייגנטלעך אַ רעליגיעזער אידעאַל.

מענטשן זיינען געניטיגט צו גלייבן, צו האָפן. און אויב עס איז פאַראַן די מינדסטע אָביעקטיווע סיבה וואָס זאָל צינדן זייער גלויבן, וועלן זיי זיך קלאַמערן אָן איר. און ווי מיר האָבן שוין געזען זיינען די נאָך־מלחמהדיקע יאָרן מסוגל געווען צו צינדן דעם גלויבן ביי מענטשן בכלל און ביי יונגע מענטשן בפרט.

ב. דערנאָך איז געקומען די סטאַדיע פון פאַרצווייפלונג — אַט די פאַרצווייפלונג וואָס כאַפּט אַרום מענטשן, ווען זייערע חלומות ווערן אויסגערונען, ווען זייערע האָפענונגען לאָזן זיך אויס מיט גאָרנישט ניט. דער פאַרצווייפלטער מענטש גלייבט אין גלויבן. ער גלייבט שוין אָבער ניט, אַז זיין גלויבן וועט צו עפּעס פירן, אַז זיין אידעאַל וועט מקוים ווערן. דערפון נעמט זיך זיין פאַרצווייפלונג. עס איז מעגלעך, אַז דאָס דער־קלערט טיילוויז די פסיכאָלאָגיע פון זעלבסטמאָרד, ווי אויך דעם געמיט פון זעלבסטמערדער; פון דעם פאַרליבטן, וואָס קען ניט לעבן אָן דער וואָס ער האָט ליב, פון דעם אידעאַליסט וואָס קען ניט לעבן אָן דעם גלויבן, אַז זיין אידעאַל וועט פאַרווירקלעכט ווערן. טאָקע ווייל ער האָט ליב, טאָקע ווייל ער גלייבט, איז ער פאַרצווייפלט און אומגליקלעך. וואָלט ער געקאָנט אויפהערן ליב צו האָבן, וואָלט ער געקאָנט אויפהערן צו גלייבן, וואָלט דער געמיט זיינער זיך באַרויקט, וואָלט דאָס האַרץ אויפגע־הערט ווי טאָן.

גיט מען אַ טראַכט וועגן דער אינטעליגענטערער אַמע־ריקאַנער יוגנט — איבערהויפּט וועגן דער יידישער יוגנט —

ווערט קלאָר, אַז זי האָט דורכגעלעבט אַ סך אַנטוישונגען אין די סוף־צוואַנציקער און דרייסיקער יאָרן. ניט אַזוי גרינג זאָגט מען זיך אָפּ פון גלויבן, פון אַן אידייאישן אינהאַלט אין לעבן און פון אידעאַלן. עס קאָסט האַרצווייטיק; עס טרייבט אַריין אין פאַרצווייפלונג. און פאַרצווייפלט זיין מיינט געפינען זיך אין קיינעמס־לאַנד. ס'איז די שעה פון בין־השמשות. פאַרצווייפלונג קען ניט זיין קיין פערמאַנענטער געמיט־צושטאַנד. עס מוז אויפגעלייזט ווערן אָדער אין אַ נייעם גלויבן אָדער אין פולשטענדיקער אַפּאַטיע, אין קאַלטן ציניזם.

ג. דעריבער איז טאַקע געקומען אַ דריטע סטאַדיע. דאָס איז געווען די סטאַדיע פון ציניזם, פון אָפּלאַכן פון אַלערליי ווערטן, פון אָפּזאָגן זיך פון יעדן גרויסן יע. עס איז מערקווירדיק ווי גלייכגיטליק די אַמעריקאַנער סטודענטנשאַפט איז געווען צום אויפשטייגנדיקן פאַשיזם, צום פינצטערן היטלעריזם. די צאָל סטודענטן וואָס האָט זיך אידענטיפיצירט מיט דעם קאָמוניזם איז געווען אַ קליינע. די קאָמוניסטישע באַוועגונג קאָן דעם קונץ פון רעקלאַמע און פראָפּאַגאַנדע, האָט זי געשאַפן דעם איינדרוק, אַז די סטודענטנשאַפט איז געווען ראַדיקאַל. די אַמעריקאַנער יוגנט איז, בדרך כלל, געווען פאַראינטערעסירט אין די מואַוויס, אין ספּאָרט, אין קאַריערע, אָבער ניט אין פּאָליטיק אָדער אין געזעלשאַפטלעכער פילאָזאָפיע. ניט לאַנג פאַרן אויסברוך פון דעם איצטיקן קריג איז נאָך מיגלעך געווען פאַר די סטודענטן פון אַ באַקאַנטן אַמעריקאַנער אוניווערזיטעט אויסצוקלייבן רוזוועלטן און היטלערן ווי די צוויי גרעסטע מענטשן אין דער וועלט. וואָס פאַר אַ פראַכטפולער מוסטער פון כלומרשטדיקער אָביעקטיווקייט און אומפּאַרטייאישקייט! בערך אין דער זעלביקער צייט זיינען אין אַמעריקע פּאָפּולער געוואָרן אַזעלכע מואַוויס ווי „בינאָטשקע”,

„הי סטייד פאָר ברעקפעסט״, און ענלעכע בילדער—דאָס הייסט, בילדער וואָס האָבן חוזק געמאַכט פון דער סאָוועטישער דיק־טאַטור אין טערמינען פון איר נאַרישער און דערדריקנדיקער ווירקונג אויף דעם טאָגטעגלעכן לעבן פון מענטשן. אָבער דער, וואָס האָט זיך ערנסט פאַרטראַכט וועגן די מאָוויס, האָט נאָך עפּעס באַמערקט. ניט נאָר האָבן זיי חוזק געמאַכט פון דיק־טאַטור, פון דעם סאָוועטישן לעבנסשטייגער. זיי האָבן גלייכ־צייטיק אויסגעלאַכט אידעאַליזם בכלל, מענטשן מיט אידייען און חלומות, מענטשן וואָס לעבן אויסער די גרענעצן פון זייערע באַלדיקע אינטערעסן.

אַזעלכע מאָוויס האָבן אָפּגעשפּיגלט, אומבאַוואוסטזיניק און דעריבער געטריי, די פּראַקטיש־מאַטעריאַליסטישע סביבה, וואָס האָט געהערשט אין אַמעריקע (און אויך אין איראָפּע), סיי אין דער צייט פון דער „פּראָספּעריטי״, סיי אין דער צייט פון דער דעפּרעסיע.

3

„אַמעריקע" דאַרף פאַר אונדז ניט מיינען נאָר די אַל־געמיינע סביבה וואָס רינגלט אונדז אַרום אין נייעם לאַנד. „אַמעריקע" איז אויך דאָס יידישע לעבן. מיר האָבן זיך אַזוי צוגעוווינט צו אונדזער שטייגער לעבן אין אַמעריקע, אַז מיר פאַרגעסן ממש די היסטאָרישע, די עפּאָכע־מאַכנדיקע באַדייטונג פון דעם באַגריף „אַמעריקע" פאַר אונדז ווי יידן. אַ היפּשער טייל פון דער אַמעריקאַנער יידישער ליטעראַטור גיט זיך אָפּ מיט דער שילדערונג פון דעם באַגריף ווי אַ פּראָצעס, ווי אַ דראַמאַטישער און טיף־מענטשלעכער פּראָצעס פון ענדערונג, פון צופּאַסונג, פון איבערשאַצונג פון ווערטן.

עס איז קלאָר, אַז דער איבערגאַנג פון לעבן אין קליינעם שטעטל אין דער אַלטער היים צום לעבן אין דער גרויסער שטאָט אין דער נייער וועלט איז ניט אָנגעקומען אַזוי גרינג. עס פאַרשטייט זיך, אַז עס האָבן געמוזט זיין — און עס זיינען נאָך פאַראַן עד־היום — גוואַלדיקע אונטערשיידן אין דער פּסיכיק פון די צוויי דורות אַמעריקאַנער יידן, דעם אַריבערגעקומענעם דור און דעם דאָ־געבוירענעם דור. מיר טאָרן ניט אויסלאָזן פון אויג אָט־די אונטערשיידן. זיי זיינען אַ סך גרעסער, ווי זיי וואָלטן געדאַרפט זיין, מחמת מיר האָבן זיך ניט געכאַפּט באַצייטנס און האָבן זיך ניט צוגעגרייט. דער פונדאַמענטאַלער פאַקט איז, אַז דער יונגער דור אין אַמעריקע איז דער ערשטער דור אין טויזנטער יאָרן, וואָס איז דער־צויגן געוואָרן אָן גייסטיקע אימפּעראַטיוון, אָן אַ גייסטיקער

דיסציפלין — אַן אַ דיסציפּלין, וואָס זאָל אים געבן אינער־לעכע גאַנצקייט, האַרמאָנישקייט, זיכערקייט און זאָל אים פאַר־בינדן מיטן יידישן כלל. אונדזער אַמעריקאַנער יוגנט איז דער ערשטער דור (אין אַ גרויסן יידישן קיבוץ) אין אונדזער פיל־טויזנט־יעריקער געשיכטע וואָס איז דער־צויגן געוואָרן אין היימען וואָס זיינען ניט באַהעפט אויף דעם סאַמע אומעטלבאַרסטן אופן מיט דער גרעסערער יידישער סביבה. די היימען זיינען אין בעסטן פאַל קליינע אינדזלען אין אַ גרויסן ים, אָדער צעוואָרפענע געצעלטן אין אַ גרויסן מדבר. אין דער יידישער היים אין אַמעריקע איז ניטאָ קיין גייסטיקע דיציפּלין, קיין יעיס און נייניס, וואָס זאָלן העלפן אויסשמידן אַ פּראַקטישן מאָראַלישן באַוואוסטזיין ביים אויפ־קומענדיקן דור, אַ געפיל פון התחייבות און פאַראַנטוואָרטלעכ־קייט צום כלל. דער רעזולטאַט איז אַ טראַגישער: עס פעלט המשך, היסטאָרישע פאַרבינדונג, גאַנצקייט פון דורות. און ווען דאָס פעלט, איז אויך ניטאָ קיין מאָראַליש־נאַציאָנאַלער יסוד, קיין סומע פון עטיש־באַצווינגענדיקע פליכטן צום כלל, צום קיבוץ. דאָס לעבן פון מענטשן באַוועגט זיך דאָך ניט אין שאַרף־אָפּגעטיילטע קעסטעלעך. עס איז שווער צו באַשטימען, וואו עס ליגט די גרענעץ צווישן די פּערזענלעכע און געזעל־שאַפטלעכע אינטערעסן פון אַ גאַנצן מענטשן. דער מענטש ווי אַ מענטש טראַכט און פילט און חלומט און האָפט און איז אָפט מאָל גרייט מקריב זיין זיין פיזישע עקזיסטענץ אין פאַרבינדונג מיט דעם, וואָס וועקט ביי אים חלומות און האָפענונגען. קומט ערגעצוואו פאָר אַ ריס אין געמיט פון אַזאַ מענטשן, ווערט אַ געוויסער טייל פון זיין לעבן אויסגעליידיקט פון אינהאַלט, איז דאָס אייגנטלעך מער ווי אַ ריס, עס איז אַ גוואַלדריס, און עס מוז האָבן אַן אומגינסטיקע ווירקונג אויף דער גאַנצער גייסטיקער איינשטעלונג פון דעם מענטשן.

ביי דער אַמעריקאַנער יידישער יוגנט איז דער גוואַלדריס פאַראַן, איבערהויפּט ביי דער יוגנט, וואָס קומט פון דער פּראָגרעסיווער היים. די דאָזיקע יוגנט איז דערצויגן געוואָרן אָן קיין שום גייסטיקער דיסציפּלין, אָן קיין שום פאַרבינדונג מיט דעם יידישן כלל. עס איז ניט געווען גענוג וואָס דער עלטערער דור האָט גערעדט וועגן סאָציאַליזם, גאולה, אידעאַלן. ניט אַלע מאָל זיינען זיי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין מצוות־מעשיות. און פון די אַלטע מצוות־מעשיות האָבן מיר זיך אָפּגעזאָגט. דאָס האָט געמוזט פאַרקומען. דאָס איז געווען אַן אומפאַרמיידלעכער פּראָצעס. דעם זייגער פון דער געשיכטע קען מען ניט אָפּשטעלן. ביי די, וואָס האָבן זיך געהאַלטן אָן די אַלטע פאָרמען איז ניט קיין סך בעסער. אויך זייער הויז איז אַ פוסטע הויז. וואָס עס איז נעכטן אין דעם גייס־טיק־איינגעוואָרצלטן יידישן לעבן אין דעם שטעטל, גע־ווען עכט און אמתדיק, איז דאָ אומעכט. אין דער אַלטער היים איז דער וועג פון מאַרק אין שול אַריין און פון שול אין מאַרק געווען אַ גלייכער און אַ נאַטירלעכער. דער ייד האָט זיך אַריינגעפּאַסט אין דער גייסטיקער מיליע. דאָ איז דער וועג ניטאָ. די שול איז איזאָלירט פון טאָגטעגלעכן לעבן. די פרומקייט פון די ראַדיקאַלע בעלי־תשובות איז ניט קיין סאָציאַל־קעגנוואַרטיקע נאָר אַ גייסטיק־נעכטיקע. זי פירט ניט אַריין דעם יחיד אין דעם מאַרקפּלאַץ פון רעאַלע פאָלקסנויטן און פאָלקס־פּראָבלעמען. פאַרקערט, אָנשטאָט צו ראַנגלען זיך מיט די פּראָבלעמען און נויטן, פירט זי זייער פרומקייט אַוועק אין אַ יחידיש־אויסטערלישער וועלט, אין אַ וועלט פון באַפרידיקונג און דערהייבונג איבערן פאָלק.

אָבער דער פאַקט פון אָט־דעם ריס בלייבט איבער. מצוות־מעשיות פעלן אונדז. די וועלט פון יע׳ס און ניין׳ס איז פאַר־שוואונדן. און אונדזער יוגנט איז דערצויגן געוואָרן אָן

גייסטיקע אימפּעראַטיוון. אונדזער יוגנט איז ניט ערגער פון דעם עלטערן דור. איר דערציאונג איז געווען אַן אַנדערע. זי האָט זיך באַוועגט אין אַן אַנדער סביבה. גיין אויף מסירת־נפש, דאָס הייסט, אַ רוק טאָן דאָס אייגענע לעבן אין דער ריכטונג פון ווערטן און אידעאַלן, קען מען נאָר, ווען דאָס אַרומיקע לעבן, דער סאָציאַלער קלימאַט, פאַרמאָגט די לופט פון מסירת־נפשדיקייט, די טראַדיציע פון כלל־התחייבות.

4

דאָס זשע קען מען טאָן? וואָס זשע דאַרף מען טאָן? אַמעריקע מאַכט איצט דורך אַ קריזיס. דאָס יידישע פאָלק מאַכט איצט דורך אַ גרויסן קריזיס.

עס איז אָנגענומען, אַז ווען דאָס הויז ברענט, לייגט מען אַוועק אָן אַ זייט פילאָזאָפיע, חקירות, נשמה־גריבלעריי. דאָס איז אמת. עס איז אָבער אויך אמת, אַז אין אַ שעה פון קריזיס דאַרף מען זיך ערשט אָפּגעבן אַ חשבון־הנפש. אין אָנגעשפּאַנטן קאַמף, ווען יעדע רגע איז וויכטיק, קאָן אָפּט מאָל דער געדאַנק, ווי אַ בליץ, דורכשניידן די געדיכטסטע פינצטערניש.

אַמעריקע מאַכט דורך אַ קריזיס, אַ גרויסן קריג — דעם גרעסטן און סכנהדיקסטן אין איר געשיכטע. מלחמה, ווי רעוואָלוציע, איז ברוטאַל, איז געפּאַנצערטער פויסט, איז אויפגעהויבענער שווערד. אָבער מלחמה, ווי רעוואָלוציע, איז נאָך עפּעס. עס פאָדערט קרבנות, מסירת־נפש. עס בינדט מענטשן צונויף. עס ענדערט דעם געזעלשאַפטלעכן קלימאַט פון אַ לאַנד. ווען מיליאָנען יונגע מענטשן זיינען גרייט איינצושטעלן דאָס לעבן פאַר לאַנד און פּרינציפּ, ווען כמעט יעדע היים ווערט דירעקט באַווירקט פון קריג, דעמאָלט איז ניט מיגלעך צו טראַכטן וועגן וועלט און לעבן אין טערמינען פון געוויינלעכן מאַטעריאַליזם.

אַמעריקע איז אויפגעקומען אין קאַמף און גלויבן. די פּילגרים־פאָטערס זיינען געווען מענטשן פון גרויסן מוט און טיפן בטחון. די מרידה קעגן ענגלאַנד און איר נצחונדיקער

אויסגאַנג איז געווען ממש אַ נס. אין דעם בירגערקריג, וואָס האָט געפירט צו דער אָפּשאַפונג פון שקלאַפעריי, איז אַמעריקע געלייטערט געוואָרן. אַ וואונדערלעכער עפּאָס איז די אויס־שפּרייטונג פון אַמעריקע פון ים צו ים; איינציק־אַרטיק אין דער געשיכטע פון דער וועלט זיינען געווען די פּיאָנערן, וואָס האָבן די אויסשפּרייטונג דורכגעפירט . . . פאַראַן טראַדיציע אין אַמעריקע. זי ווערט ערשט אַנטפּלעקט אין דער אויפקור־מענדיקער פאָלקסקונסט פון אַמעריקע. אָט די טראַדיציע, וואָס ציט זיך פון דער „דעקלעריישאָן אָוו אינדעפּענדענס" ביז רוז־וועלט'ס „ניו דיל", פון די באַגייסטערנדיקע הימנעס פון דעם בירגערקריג ביז קאַרל סענדבורגס „די פּיפּל, יעס", פון דער לינקאָלן לעגענדע ביז גענעראַל מעקאַרטורס אויסרוף: „מיר וועלן זיגן אָדער מיר וועלן שטאַרבן", פון דזשאָן בראַון, וואָס איז פאַרברענט געוואָרן אין די פלאַמען פון בירגערקריג, אײדער ער האָט זיך נאָך אָפיציעל אָנגעהויבן, ביז יודזשין וויק־טאָר דעבס, וואָס האָט געחלומט דעם חלום פון אַ סאָציאַל־פרייער אַמעריקע צענדליגער יאָרן אײדער דער „ניו דיל" האָט זיך באַוויזן. די עטלעכע און צוואַנציק יאָר צווישן דער ערשטער און דער איצטיקער וועלט־מלחמה זיינען געווען אַ הפסקה, אַ קאָשמאַר. דאָס איז ניט געווען אַמעריקע. דאָס איז געווען דער מאַטעריאַליסטישער אויסדרוק פון אַ ביטערער אַנטוישונג, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די גאַנצע וועלט, ניט נאָר אַמעריקע.

די יידישע עמיגראַציע קיין אַמעריקע האָט זיך געצויגן פון די טיפענישן פון דער יידישער פאָלקסמאַסע. עס איז ניט קיין מליצה צו זאָגן, אַז די יידישע אימיגראַנטן זיינען געקומען קיין אַמעריקע ניט נאָר אויף די כוואַליעס פון ים, נאָר אויך אויף די כוואַליעס פון אַ הויכן אידעאַליזם. דווקא די פאַר־מעגלעכע, די זאַטע, זיינען געבליבן אין דער אַלטער היים. געקומען זיינען די אָרעמע, די אומרואיקע, די בענקענדיקע.

זיי האָבן געבויט די יוניאָנס, אַ סאָציאַליסטיש־פרייהייטלעכע באַוועגונג, די אידישע פּרעסע. עס האָט זיך געדוכט אַ געוויסע צייט, אַז דער פּאָליטישער וועלטבליק פון דעם יידישן אימיגראַנט שטימט ניט מיט דער אַמעריקאַנער פּאָליטישער ווירקלעכקייט און טראַדיציע. דאָס איז געווען אַ סאָציאַלע אילוזיע.

אַמעריקע איז איצט דאָס פּרייסטע לאַנד אין דער וועלט. אַמעריקע באַוועגט זיך איצט אין דער ריכטונג פון אַ דעמאָקראַטישן קאָלעקטיוויזם. ביסלעכוויז און בהדרגהדיק ווערן אונדזערע האָפענונגען דערפילט. און זאָלן מיר נאָר געווינען — אין דער גאַנצער מאָס און אין דער פולער גרויס — די מלחמה, וועט אַמעריקע אַ שפּאַן טאָן מיט ריזנטריט אויף יעדן געביט פון קולטור. דער תנאי אָבער דערביי איז, אַז אַמעריקע זאָל געווינען סיי די מלחמה, סיי דעם שלום — און געווינען פולשטענדיק. און אַפילו דעמאָלט וועלן מיר דאַרפן צוגרייטן דעם געמיט פון דער יוגנט, זי זאָל פאַרשטיין, אַז מלכות־שמים וועט ניט געשאַפן ווערן איבער נאַכט און, אַז אין דעם פּראָצעס פון נאָך־מלחמהדיקע ענדערונגען וועלן נייטיק זיין קרבנות. עס איז אָבער ניטאָ קיין שום ספק, אַז די יוגנט וועט וועלן ברענגען קרבנות, אויב זיי וועלן האָבן אַ זין, אויב זי וועט באַמערקן אין לעבן אַ טענדענץ, וואָס וועט פירן צו עקאָנאָמישער זיכערקייט און פּאָליטישער פרייהייט, אַ טענדענץ וואָס וועט פריי לאָזן די דעמאָקראַטיש־גייסטיקע ענערגיעס, וואָס דרעמלען דערוויל אין דער אַמעריקאַנער ציוויליזאַציע.

די יידישע פאָלקסמאַסע, די יידישע אַרבעטערשאַפט, דורכגעדרונגען ווערן אויף דאָס ניי מיט דעם אידעאַליזם פון דעם אַמאָליקן יידישן אימיגראַנט. פּרעזידענט רוזוועלט, דער „ניו־דיל" — זיי נייטיקן זיך אין אַ סאָלידן כוח: אין דער אַרבעטערשאַפט, אין דער פויערימשאַפט, אין די פאָלקסמאַסן.

דער „ניו דיל״ טאָר ניט אָפּגעמעקט ווערן. און אויך דער „ניו דיל״ פאַר דער גאַנצער וועלט — וואָס רוזוועלט האָט פּראָקלאַמירט — טאָר ניט פאַרלאָשן ווערן, איידער ער וועט העל אויפלייכטן. מיר מוזן שוין, צוזאַמען מיט דער גאַנצער פּראָגרעסיווער אַמעריקע, טראַכטן וועגן נאָך דער מלחמה. פּרעזידענט ווילסאָן האָט ניט געהאַט קיין פּראָגרעסיוון כוח הינטער זיך, איז ער — ווי אויך זיין חלום פון אַ פעלקער־ליגע — צעבראָכן געוואָרן אונטער די רעדער פון דער געשיכטע. מיט רוזוועלטן טאָר דאָס ניט געשען. דער אַמעריקאַנער „ניו דיל״, פאַרטיפט און קאָנקרעטיזירט, דאַרף ווערן וועלט־„ניו דיל״.

וואָס פאַר אַ וואונדערלעכע אויפגאַבע דאָס איז פאַר אונדז ווי פאַר אַ טייל פון דער פּראָגרעסיווער אַמעריקע! וואָס פאַר אַ פיינער סינטעז פון אונדזער סאָציאַליסטישן אידעאַליזם און אונדזער ליבשאַפט פאַר אַמעריקע! ניטאָ מער דער תהום. מיר האָבן זיך געפונען. און דורך דעם וועלן מיר אפשר אויך געפינען די פּראָגרעסיווע יידישע יוגנט, — די יוגנט, וואָס וואַרט אויף אַ געלעגנהייט זיך צו פאַרבינדן מיט אַ כלל, וואָס בענקט נאָך גייסטיקער דיסציפּלין און נאָך געזעלשאַפטלעכער אחריות.

אין דער שעה פון אַמעריקעס גרויסן קריזיס פאַרשווינדט דער ריס ביים יידישן אימיגראַנט, ביים פּראָגרעסיוון יידן אין אַמעריקע, צווישן זיין היימישן אידעאַליזם און דער אַמעריקאַנערווירקלעכקייט. אַזוי אַרום קאָן אויך פאַרשווינדן דער ריס צווישן אים און זיין קינד, דערצויגן אין אַמעריקע, דערצויגן אין דער נאָך־מלחמהדיקער מאַטעריאַליסטישער, האַלב־צינישער אַטמאָספערע.

אָט דאָ ליגט די מיגלעכקייט, ווי אויך די גאַראַנטיע, אַז אַ נייער דור וועט אויפקומען אין אַמעריקע — אַ דור מיט גלויבן

און בטחון, מיט התחייבות־געפיל צום כלל, מיט גרייטקייט צו געבן, צו ברענגען קרבנות פאַרן כלל.

דאָס איז גילטיק פאַר דער אַלגעמיינער יוגנט און אויך פאַר דער יידיש־אַמעריקאַנער יוגנט. אונדזער יוגנט איז געוויינלעך סענסיטיווער און דערשפירט גיכער דעם זין פון געזעלשאַפטלעכע ענדערונגען. אין אַן אידעאַליסטישער סביבה, אין אַן אַטמאָספערע פון דעמאָקראַטישער דערהייבונג, אָן דער מורא פאַרן אַנטיסעמיטיזם, פאַר און עקאָנאָמישער אומזיכערקייט, וועט אונדזער יידישע יוגנט זיך באַווייזן פאַר אונדז מיט איר אמתן פנים.

אָבער דאָס איז נאָך ניט גענוג. אונדזער יוגנט איז אַן אַמעריקאַנער יידישע יוגנט. און אויך אונדזער יידיש לעבן מוז פאַרגייסטיקט און פאַראמתדיקט ווערן. מיר רעדן זייער פיל וועגן דעם, אַז אין דעם פעלקער־אָרקעסטער פון אַמעריקע דאַרפן מיר האָבן דאָס רעכט אויסצושפּילן אונדזער אייגענעם ניגון אויף אונדזער אייגענעם אופן. מוז אונדזער ניגון אימפּאָנירן. מוזן מיר געבן אונדזער יוגנט נאַציאָנאַלע ווערטן, וואָס זי זאָל קענען אַריינוועבן אין איר סכום אוניווערסאַלע ווערטן.

אַרונטערלאָזנדיק זיך צו דער האַרטער ערד, מיינט עס גאַנץ פשוט, אַז אויב מיר רעדן וועגן יידיש ווי אונדזער פאָלקס־לשון, דאַרפן מיר רעדן יידיש, וואָס זאָל קלינגען ווי אַ לשון; אויב מיר האַלטן, אַז די יידישע ליטעראַטור שילדערט דאָס יידישע לעבן, מוז דאָס יידישע בוך ניט ליגן פאַריתומט ביים שרייבער אָדער בוכהענדלער; אויב מיר פאַרשטייען און נעמען אָן, אַז יידישע דערציאונג מיינט אַריינברענגען גאַנצקייט אין די נשמות פון אונדזערע קינדער און איז דעריבער פאַר אונדז אַ נויטווענדיקייט, דאַרפן מיר גרעסער מאַכן, און ניט פאַר־שמעלערן, דעם שטח פון דער שול און דאַפן זי מאַטעריעל פאַרזיכערן און דערציעריש פאַרטיפן. און דאָס סאַמע וויכ־

טיקסטע — אויב מיר ווילן, אַז אונדזער יידיש לעבן זאָל האָבן אַ תיקון ווי יידיש לעבן און אַרויסרופן ביי דער יוגנט אַ פאַרלאַנג זיך צו אידענטיפיצירן מיט אַט דעם יידישן לעבן, מוזן מיר אַריינטראָגן אין אונדזער טאָגטעגלעכער דערפאַרונג און איבערלעבונג אַט יענע גייסטיקע דיסציפּלין, וואָס פליסט אַרויס פון אונדזער אַנגעזאַמלטער נאַציאָנאַל־אוניווערסאַלער עטיק — פון די נביאים ביז אונדזערע טעג.

אַט די עטיק דריקט זיך ביי אונדז אויס אין דעם גרויסן דרך־ארץ פאַרן מענטשן ווי אַ פּערזענלעכקייט. אַזוי ווי מענטשן נייטיקן זיך אין עקאָנאָמישער זיכערקייט, איז דעריבער קלאָר, אַז אונדזער באַציאונג צו יוניאָנס און פּראָגרעסיווער פּאָליטישער אַקציע איז, אין גרונט גענומען, אַ מאָראַלישע; אַזוי ווי מענטשן קענען ניט אָטעמען אָן פרייהייט פון וואָרט, גלויבן און געדאַנק, איז אונדזער אויפפאַסונג פון דעמאָקראַטיע אויך הייפּטזעכלעך אַן ענין פון מאָראַל; אַזוי ווי מענטשן געהערן צו אַ פאָלק ניט ווי אַ מלוכה, וואָס קעמפט, אָדער איז גרייט צו קעמפן, קעגן אַנדערע מלוכות, נאָר ווי אַ קולטור־גרופּע מיט המשך און טראַדיציע, איז דעריבער אונדזער צוגאַנג צו פאָלק און מענטשהייט דורכאויס אַ מאָראַלישער; אַזוי ווי מענטשן דאַרפן זיך אָפּזאָגן פון יענעם בליק אויף וועלט און לעבן וואָס דריקט זיך אויס אין דער פראַזע: „השומר אָחי אָנוכי?" — דאַרף דעריבער אויסגעוועבט זיין אויף אונדזער פאָן: „ואהבת לרעך כמוך", דער אידעאַל פון אַ געזעלשאַפט, באַזירט אויף ליבע־קאָאָפּעראַציע און ניט אויף שנאה־קאָנקורענץ.

אָבער דאָס טאָר ניט בלייבן אין דער בחינה פון פוסטע רייד. די וואַנט צווישן חלום און ווירקלעכקייט, מוז פאַרשווינדן. אונדזער נאַציאָנאַלע קולטור אין אַמעריקע טאָר ניט ווערן קיין קאַרטנקולטור, אונדזער גייסטיק לעבן דאַרף זיך

פאַרוואַנדלען אין רעאַלער דערפאַרונג. עכטע, ערלעכע און נשמה־אויפמונטערנדיקע גייסטיקע דיסציפלין, — אָט דאָס איז אונדזער גרויסע באַדערפעניש. אָט דאָס וועלן מיר קענען אַנטקעגנשטעלן דער קולטור, וואָס באַזירט זיך בלויז אויף דזשעז, בייזבאָל, מואוויס, קאָרטן.

עס איז ניט גרינג דאָס צו פועלן, דורכצופירן. אין דער ערשטער רגע דוכט זיך, אַז דורכרעדן זיך מיט מענטשן אויף אַ רואיקן, שכלדיקן אופן איז אַ סך גרינגער, ווי ענדערן די גע־זעלשאַפטלעכע סטרוקטור, בייטן דעם כאַראַקטער פון דער סביבה. עס איז פאַראַן וועגן דעם אַ גרויסע פלוגתא ביי סאָציאַ־לאָגן און מאָראַליסטן. אָבער ווי עס זאָל ניט זיין, מוזן מיר מאַכן דעם פרואוו. אויך דאָ קומט אונדז די איצטיקע טראַגישע שעה צו הילף — די טראַגישע שעה אין דעם יידישן לעבן.

עס איז ניטאָ און עס טאָר ניט זיין קיין מחיצה צווישן מאַטעריעלער און גייסטיקער הילף. ברויט פאַר דעם הונגעריקן מאַכט אים ניט נאָר זאַט. עס מונטערט אויף זיין געמיט; עס הייבט זיין חשיבות. און חשיבות ווידער, פאַנצער פון גייסט, קרעפטיקט דעם מענטשן אין זיין קאַמף פאַר ברויט. מיט דער מאַטעריעלער הילף פאַר אונדזערע ברידער און שוועסטער אויף יענער זייט ים, קאָן קומען — מוז קומען — דער גרויסער דראַנג, דער טיפער וואונטש, חשובער צו מאַכן אונדזער אייגן לעבן, פאַראינטענסיווירן אונדזער גייסטיקע דערפאַרונג, אַ הייב טאָן אונדזער קולטורעלן ניווא.

דער פועל־יוצא דערפון וועט זיין אַן אַטמאָספערע, אַ יידיש־עטישע סביבה, וואָס וועט האָבן אַ טיפע ווירקונג אויף דער יוגנט. און זאָל דאָ ניט געמאַכט ווערן דער טעות, אַז דאָס וועט נאָר באַווירקן די אינטעלעקטועלע יוגנט. ערשטנס, וועט אַפילו אַן אינטעלעקטועלע פראָגראַם, דורכגעפירט באַ־

וואוסטזיניק מצד אַ גרופּע, אַ קיבוץ, באַווירקן סוף־כּל־סוף אַלע שיכטן פון אַט־דער גרופּע, פאַרשטייט זיך, אין דער מאָס, אויף וועלכער זיי זיינען אויפנעמפּיאיק. צוויטנס, איז דאָס אייגנט־לעך ניט קיין אינטעלעקטועלע נאָר אַ מאָראַלישע פּראָגראַם. עס גייט דאָ ניט אין דער פאַרשפּרייטונג פון אַבסטראַקטע אי־דייען, נאָר אין דער עטישער דורכפירונג פון אַט די אידייען אין פּראַקטישן לעבן. דער כוח פון דער יידישער קהילה פון נעכטן איז ניט באַשטאַנען אין דעם, וואָס יעדער מיטגליד אירער איז געווען אַ ווילנער גאון. דער כוח איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס עס איז געווען אַ גייסטיקע דיסציפּלין, אַן אָנגענומענער לעבנסוועג, וואָס האָט זיך קריסטאַליזירט אין מעשים און דער־הויבן דעם איינפאַכסטן מיטגליד פון דער קהילה און אָנגעפילט זיין נשמה מיט גרויסן אינהאַלט.

די איצטיקע יידישע יוגנט נייטיקט זיך אין אַ חזיון, אין אַ לעבנס־אידעאַל. לאָמיר אָנפילן איר נשמה מיט אינהאַלט, כּדי זי זאָל ניט פאַרלירן דעם וועג. די שעה אין אונדזער לעבן איז אַ גורלהאַפטיקע. עס וועט אויפקומען אַ נייע וועלט. דער שונא וועט באַזיגט ווערן. עס וועט קומען די שעה פון פרייד, פון באַפרייאונג. לאָמיר זיין גרייט. לאָמיר צו־גרייטן אונדזער יוגנט.